# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת וילך, ו' תשרי תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ב'


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......6:17
מוצאי שבת קודש......7:46

## א מעשה פון תפלה

### יואל מענדלאוויטש

איין טאג אינדערפרי איך פרוביר צו אנצינדן מיין קאר און עס הייבט אן צו טאנצן און מאכן פראבלעמען, בין איך עס געטראגן פיקסן, זאגט ער מיר אז א נייע פּארט פון דעם קאסט זייער אסאך, אבער עס קען אפשר געלונגען צו פיקסן די אלטע וואס דאס וועט נישט קאסטן אזוי סאך, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל מיר נישט זיין קיין גרויסע געלט שאדן, און די אייבערשטער האט מיר געהאלפן ער האט טאקע געקענט פיקסן די אלטע פּארט און ב"ה מיין קאר פארט יעצט נאך בעסער ווי פריער.

### אלע איינוואוינער אינעם ברסלב'ע שטעטל

מיר האבן אלע געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל אנקומען בשלום בגוף ובממון, און אזוי אויך בשעת מען איז אין אומאן זאל אלעס דורך גיין בשלום און האבן א שיינע יום טוב בגשמיות וברוחניות, און דעי וואס ברענגען שוין מיט די קינדער האבן מתפלל געוועזן עס זאל אלעס דורך גיין גוט פאר די קינדער, און אזוי אויך האבן מיר אלע געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל צוריק אנקומען אהיים בשלום, און געלויבט דעם אייבערשטן אז מען איז אנגעקומען און צוריק געקומען בשלום און זיכער געפועלט א שיינע יאר.

## נייעס אין שטעטל

א הערליכער יום טוב איז אריבער אינעם שטאט אומאן אויף אלע איינוואוינער פונעם שטעטל סמוך ונראה צום ציון פונעם הייליג'ן רבי'ן; צוזאמען מיט אלע אנשי שלומינו פון איבער די גאנצע וועלט ובראשם פונעם ראש ישיבה שליט"א, ווי מען האט זיכער געפועלט א גוט יאר פאר יעדן איינעם בפרטיות.

ווי אויך האט מען געהאט די זכיה צו הערן הדרכה פונעם ראש ישיבה שליט"א וויאזוי זיך צו פירן א גאנץ יאר, און אויך האט די ראש ישיבה שליט"א געגעבן פאר געוויסע איינוואוינער הדרכה בפרטיות ווי אזוי זיך צו פירן אינעם שטעטל ביי געוויסע ענינים.

ווי אויך האבן די חשובע מלמדים פונעם שטעטל צאמגענומען די קינדער און געפירט ווייטער די חדר אין אומאן אזוי ווי א גאנץ יאר.

**ווער עס איז געווען ביי מיר ראש השנה זאל זיך פרייען מיט דעם א גאנצע יאר.**

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד
טוהן מיר אויפנעמען האברך החשוב

**ר' שבתי מזרחי נ"י**
**וזוגתו תחי'**

וואס זענען געקומען וואוינען דאהי אין ברסלב'ע שטעטל.
די אייבערשטער זאל העלפן ער זאל מצליח זיין דא אין

## מודעה

צו באקומען די "גליון היכל הקודש" "עצתו אמונה" "קרית ברסלב בלעטל" יעדן ערב שבת דאהי אינעם שטעטל קענט איר זיך פארבינדן אויף דעם נאמבער
845-662-3207

# בריוו פון דעם
# ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך

יום ד' פרשת נצבים, כ"ה אלול, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר.**

איך האב געזעהן דעם נייעם בלעטל וואס איר געבט ארויס יעדע וואך; איך בין זייער נתפעל געווארן פון דעם גליון, בעיקר פון די "מעשיות פון תפלה", וואס ברענגט אריין אמונה בתמימות ובפשיטות אין אנשי שלומינו מען זאל וויסן אז וואס מען דארף און וואס מען וויל זאל מען זיך ווענדן נאר צום אייבערשטן, אים בעטן אויפ'ן פשוט'ן שפראך.

פון דעם באשטייט דאס גאנצע ברסלב'ער חסידות. דער הייליגער רבי לערנט אונז אויס אז מיר זאלן לעבן אונזער טאג טעגליכער לעבן מיט תפילה והתבודדות, נאר דאס איז איין אמתער תכלית.

איך האף אייך צו שרייבן יעדע וואך א בריוו פאר'ן גליון; עס איז כדאי דו זאלסט דאס אויסשפרייטן פאר אלע משפחות, אלע זאלן האבן דערפון חיזוק און הדרכה ווי אזוי צו לעבן א חיים טובים.

דער עיקר זאלט איר זען צו לעבן בשלום איינער מיט'ן צווייטן; די וואך האבן זיך אריינגעצויגן נאך א משפחה, משפחת ... הי"ו, דער אינגערמאן זאגט מיר אז זיי קענען נישט קומען צו זיך פון די שיינע ווארעמע ברוך הבא וואס אלע משפחות האבן זיי געמאכט, מיט אזא חסד און אהבה.

א כתיבה וחתימה טובה.